**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט מער פון 4.7 מיליאן דאלאר פאר נייע אדיקשען באהאנדלונג פראגראמען

***ארומנעמיגע צוזאמגעשטעלטע אַוטפעישענט באהאנדלונג פראגראמען אויסגעשטעלט צו פארמערן צוטריט צו אלע סארטן סערוויסעס וועלכע זענען דא פאר אפיויד באנוץ קראנקהייט***

***צווייטע רונדע פון פינאנצירונג דורך ניו יארק סטעיט'ס אפיויד סעטלמענט קאסע צו שטיצן די אוועקשטעלונג פון די פראגראמען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט מער פון 4.7 מיליאן דאלאר צו שטיצן די אנטוויקלונג פון נייע ארומנעמיגע צוזאמגעשטעלטע אַוטפעישענט באהאנדלונג פראגראמען פאר אדיקשען. דאס איז די צווייטע רונדע פון פינאנצירונג פאר די פראגראמען וועלכע וועלן באקומען די געלטער פון די סטעיט'ס אפיויד סעטלמענט קאסע. ביז היינט האט די אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע ( Office of Addiction Services and Supports, OASAS) שוין פארטיילט 10.6 מיליאן דאלאר אין געלטער פון די סעטלמענטס צו שטיצן די אנטוויקלונג פון 20 פון די פראגראמען, אין צוגאב צו 3.4 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג פאר נאך 14 פראגראמען, פאר א סך הכל פון אומגעפער 14 מיליאן דאלאר.

"צופיל ניו יארקער זענען באטראפן געווארן דורך אדיקשען, און מיין אדמיניסטראציע בלייבט פארפליכטעט צו אדרעסירן די אפיויד און אָווערדאָוז מגיפה אריבער אונזער סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך די אפיויד סעטלמענט קאסע, שטיצן מיר ניו יארקער און פאמיליעס וועלכע זענען באטראפן געווארן, דורכן אויסברייטערן צוטריט צו וויכטיגע סערוויסעס און פראגראמען אריבער די סטעיט כדי צו שיקן א קלארע מעסעדזש אז הילף איז דא צו באקומען פאר יעדער וואס נויטיגט זיך נאר דערין."

**OASAS קאמישאנער דר. טשינאַזאָו קאנינגהעם האט געזאגט,** "צושטעלן ארומנעמיגע אדיקשען באהאנדלונג, און אזוי אויך נאך געזונטהייט סערוויסעס אלעס אויף איין פלאץ, מאכט דאס גרינגער פאר אונז צו אנקומען צו נויטבאדערפטיגע מענטשן און ראטעווען לעבנס. די צוגאנג וואס ווערט געאפפערט דורך די נייע איינריכטונגען העלפט אדרעסירן א חלק פון די שטרויכלונגען וואס קענען מעגליך שטיין אין וועג פון מענטשן ווען זיי ווענדן זיך פאר באהאנדלונג, און עס פארמערט זייער צוטריט צו לעבנס-ראטעווענדע הילף און שטיצע."

ברייטע אַוטפעישענט באהאנדלונג פראגראמען פאר אלע הינזיכטן פון אדיקשען גיבן מער געלעגנהייטן צו אנקומען צו סערוויסעס וועלכע זענען צענטרירט ארום דעם מענטש, אריינרעכענענדיג באהאנדלונג מיט מעדיצינען פאר אפיויד באנוץ קראנקהייט. פראגראמען וועלכע באקומען די פינאנצירונג וועלן אויפהאלטן אַוטפעישענט באהאנדלונג פראגראמען און אן אפיויד באהאנדלונג פראגראם ( opioid treatment program, OTP) ביי די זעלבע פלאץ.

די אינציאַטיוו איז טייל פון אנגייענדע באמיאונגען דורך די OASAS צו אוועקשטעלן צוזאמגעשטעלטע פראגראמען אריבער ניו יארק סטעיט. די פראגראמען זענען אויסגעשטעלט צו צוזאמברענגען מעדיצינישע באהאנדלונג אויף איין פלאץ, אריינרעכענענדיג די מעדיצין 'מעטאדאָון' און אנדערע אדיקשען און העלטקעיר סערוויסעס, כדי צו פארגרינגערן פאר ניו יארקער וועלכע ווענדן זיך פאר באהאנדלונג פאר דראג באנוץ קראנקהייטן צו קענען באקומען מערערע סערוויסעס אין איין לאקאציע.

די קערפערשאפטן וועלכע באקומען פון די פינאנצירונג זענען אויסגערעכנט אונטן:

**פינגער לעיקס**

- $660,000 - CASA-Trinity, Inc.
- $760,000 - Helio Health, Inc.

**מיטל-האדסאן**

- $373,598 - St. John's Riverside Hospital, Inc.

**מאוהאק וואלי**

- $760,000 - Helio Health, Inc.

**New York City**

- $400,614 - START Treatment & Recovery Centers, Inc.
- $760,000 - Odyssey House, Inc.

**צפון קאנטרי**

- $652,644 - St. Joseph's Rehabilitation Center, Inc.

**מערב NY**

- $401,990 - The Community Action Organization of Western New York, Inc.

ניו יארק סטעיט באקומט מער פון 2 ביליאן דאלאר דורך פארשידענע סעטלמענט אפמאכן מיט אפיויד און מעדיצינען פירמעס וועלכע זענען פארזיכערט געווארן דורך אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס. א חלק פון די סעטלמענט געלטער וועלן גיין דירעקט צו לאקאלע רעגירונגען, און די רעשט וועט אריינגעלייגט ווערן אין א ספעציעלע קאסע צו שטיצן פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן רעדוקציע און ערהוילונג באמיאונגען צו אדרעסירן די אנגייענדע אפיויד מגיפה.

דער זעלבער געזעץ וואס האט אויפגעשטעלט די ספעציעלע קאסע האט אויך אוועקגעשטעלט די אפיויד סעטלמענט קאסע אדווייזארי באורד מיט די אויפגאבע צו אהערשטעלן רעקאמענדאציעס איבער וויאזוי סעטלמענט געלטער זאלן פארטיילט ווערן כדי צו דינען די וועלכע נויטיגן זיך דערין אויפן בעסטן פארנעם. די באורד מיטגלידער האבן פארעפנטליכט זייערע ערשטע רעקאמענדאציעס נאוועמבער 1, 2022, שטעלנדיג אלץ הויפט פריאריטעטן צו פארברייטערן שאדן רעדוקציע סערוויסעס און באהאנדלונג.

ניו יארק סטעיט האט אייגעפירט אן אגרעסיווע, פיל-צייניגע צוגאנג צו אדרעסירן די איבערדאזע עפידעמיק, און באשאפן א פאלק-פירנדיגע המשך פון אדיקציע קעיר מיט פולע פארמיידונג, היילונג, גענעזונג און שאדן-פארקלענערונג סערוויסעס. די סטעיט האט געארבעט צו פארברייטערן צוטריט צו טראדיציאנאלע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג קריזיס סערוויסעס, אין-פעישענט, אַוט-פעישענט און

באהאנדלונג פראגראמען וואו די פאציענטן וואוינען אויפן ארט, מעדיצינען צו באהאנדלען אדיקשען, און אזוי אויך מאוביל באהאנדלונג און טראנספארטאציע סערוויסעס.

גאווערנאר האוקאל איז געווען א מיטגליד פון די NYC הערויאין און אפיויד איינהייט (NYS Heroin and Opioid Task Force) וועלכע האט אין 2016 רעקאמענדירט נייע, נישט-טראדיציאנאלע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג ערהוילונג צענטערן, יונגווארג קלאבהייזער, פארברייטערטע סערוויסעס פון מדריכים וואס זענען אליינס אריבער אדיקשען, און אפענע צוטריט צענטערן וואס שטעלן צו באלדיגע אונטערזוכונגען און שיקן פאר ווייטערדיגע קעיר. די סערוויסעס זענען זינט דאן אוועקגעשטעלט געווארן אין מערערע קאמיוניטיס ארום די סטעיט, און זיי האבן געהאלפן מענטשן אין נויט צו האבן צוטריט צו קעיר נאענטער צו וואו זיי וואוינען.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקציע סערוויסעס און שטיצע גיט אכטונג אויף איינע פונעם לאנדס גרעסטע נארקאטיק באניץ פעלער סיסטעמס מיט בערך 1,700 פארמייד, היילונג און קומען צו זיך פראגראמען וואס סערווירט איבער 731,000 מענטשן א יאר. דאס רעכנט אריין די דירעקטע אפעראציע פון 12 אדיקשען באהאנדלונג צענטערן וואו דאקטוירים, נוירסעס און קלינישע שטאב מיטגלידער גיבן אינפעישענט סערוויסעס פאר אומגעפער 8,000 מענטשן יעדעס יאר.

ניו יארקער וואס מוטשן זיך מיט אדיקציע, אדער איינעמס באליבטע וואס מוטשעט זיך, קען טרעפן הילף און האפענונג דורך רופן די סטעיטס אומזיסטע 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך האפענונג ליניע 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אדער דורך טעקסט HOPENY (קורצע קאוד 467369).

אדיקשען באהאנדלונגען וואס זענען דא צו באקומען – אריינרעכענענדיג קריזיס/דיטאַקס, אין-פעישענט, פלעצער וואו פאציענטן וואוינען אדער אַוט-פּעישענט קעיר – קענען געפונען ווערן דורכן נוצן די NYS OASAS באהאנדלונג אוועילעביליטי דעשבאָורד אויף FindAddictionTreatment.ny.gov אדער דורך די NYS OASAS וועבזייטל.

אויב איר אדער א באליבטע אייערס האט געהאט שוועריגקייטן מיט אינשורענס אין פארבינדונג מיט באהאנדלונג אדער דארף הילף אריינצוגעבן אן אפעלירונג פאר א צוריקגעוויזענע קלעים, פארבינדט אייך מיט די CHAMP הילף ליניע דורכן טעלעפאן אויף 888-614-5400 אדער דורך אימעיל ביי ombuds@oasas.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418